# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פארגרעסערטע גליון לרגל יומא דהילולא קדישא

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות................**4:47**
מוצאי שב"ק.....................**6:19**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................... קהלת י"א - י"ב
בבלי.................... בבא קמא פ"ו
ירושלמי..................... שבת מ"ה
תוספתא....................... חגיגה ג'
רמב"ם........... אסורי ביאה כ"א

פרשת בשלח, י"ז שבט, יומא דהילולא קדישא של מוהרא"ש זיע"א שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 17 (637)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וּפַרְעֹה הִקְרִיב, וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה', וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף, אוּן פַּרְעֹה מִיט זַיין מִילִיטֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט פוּן הוּנְטֶער זֵיי, הָאבְּן דִי אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כ"א, ה') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ" וְגוֹ', אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה אוֹיף דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף אִיז גֶעוֶוען וַוייל וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי, וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דִי מִצְרִיִים מִיט צֶען שְׁוֶוערֶע מַכּוֹת, עֶר הָאט גֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶרֶע בְּכוֹרִים, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זֵיי יֶעצְט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ אָבֶּער לִיבּ צוּ הֶערְן דָאס קוֹל פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער פַארְגֶענִיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הֶערְן וִוי אִידְן רֶעדְן אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵל צוּ אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן אוֹיבּ זֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי אִידְן רֶעדְן נִישְׁט צוּ אִים וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זֵיי אַ פְרִישֶׁע צָרָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר וִוידֶער עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים.

דִי גַאנְצֶע צָרָה וָואס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר מִיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קוֹל. וֶוער עֶס הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סְ'קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶר רֶעדְט כְּסֵדֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַאנְקְט עֶר אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים אַלֶעמָאל, אוּן מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, וָואס זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין מֶדְרָשׁ (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה, ב', ל"ה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינְצִיג טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן אִיר קוֹל, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז יֶעדֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין פֶעלְד שְׁפַּאצִירְן, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט זֵיי זָאלְן אָנְפַאלְן וִוי רוֹיבֶּער אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אוּן דַאן הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן "טַאטִי, טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיךְ!", הָאט דֶער קֶענִיג אִיר גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצְן שְׁפִּיל, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן צוּ מִיר".

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַלֶעמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען סְ'גֵייט אוּנְז גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן נָאר גוּטֶע זַאכְן אַלֶעמָאל.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש לְפָרָשַׁת בְּשַׁלַּח)

## אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְן

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט זִיךְ וֵויינִיג פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן דֶערְצֵיילְן אוּן אָפְּשְׁרַייבְּן דִי מוֹפְתִים וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. כָאטְשׁ וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען גָאר אַסַאךְ וִוינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים רֶבִּי'ן, אִיז אָבֶּער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ רֶעדְן צוּפִיל דֶערְפוּן. דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת. וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַ צַדִּיק דַארְף מֶען בְּעִיקָר אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיין גְרוֹיסְקַייט אִין עֲבוֹדַת ה', זַיין גְרוֹיסְקַייט אִין מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ בִּיסְט פוּל מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן אָבֶּער אַ גוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִידִ'.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאט עֶר גֶעזֶען אִין שַׁאנְק אַן אַלְטֶע סִדּוּר מִיט דִי בְּרָכָה: "בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי"; וַוייל דִי סִדּוּר אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן דִי רְדִיפוֹת אוֹיף אִידְן, אוּן דִי צֶענְזוּר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דְרוּקְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', נָאכְדֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא, פַארְוָואס מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה אוֹיף אַ וֶועג פוּן 'אִיךְ בִין נִישְׁט קֵיין גוֹי', פַארְוָואס מַאכְט מֶען נִישְׁט דִי בְּרָכָה 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִידִ', הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִין חָלוֹם, וָואלְט מֶען וֶוען גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי, אִיךְ בִּין אַ אִידִ' - וָואלְטְן דִי עַצְבוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה, זֵיי וָואלְטְן גֶעטְרַאכְט מֵרוֹב עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה 'בִּין אִיךְ דֶען אַ אִידְ?' דֶערְפַאר מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', אַז אֲפִילוּ אַן עַצְבוּת'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ טוֹיט, עֶר זֶעט זִיךְ דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה - קֶען אוֹיךְ אוֹיסְשְׁרַייעֶן: "אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, גֶע'מַלֶ'עט בִּין אִיךְ!"

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בֹּא תשפ"ד)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# מִיר דַארְפְן נָאכְמַאכְן מוֹהֲרָ״אש

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִיל מִיר זָאלְן נָאר רֶעדְן פוּן מוֹהֲרָא״ש אִיז דָאס וִוי אַ טְרָאפְּל וַואסֶער אִינֶעם גְרוֹיסְן יַם; מוֹהֲרָא״ש הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ רָצוֹן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען זָאלְן מַאכְן אַ סוּרְוֶועי אוּן אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע מְקוּרָבִים אִין בְּרֶסְלֶב וִוי אַזוֹי אַלֶע זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט מֶען זֶען אַז רֻבָּם כְּכוּלָּם זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ מוֹהֲרָא״ש וָואס הָאט גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְפְלֵייצְט צֶענְדְלִיגֶער מִילְיָאנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע מַנְהִיגִים אִין בְּרֶסְלֶב, דַארְף מֶען פְרֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט דִי מַנְהִיגִים וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט מֶען זֶען אַז מוֹהֲרָא״ש הָאט זֵיי אַלֶע מְקָרֵב גֶעוֶוען. דוּ אַלֵיינְס הָאסְט מִיר פַארְצֵיילְט אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דוּרְךְ אַ סֵפֶר פוּן מוֹהֲרָא״ש זַ״ל.

מִיר דַארְפְן נָאכְמַאכְן מוֹהֲרָא״ש אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר: פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אוּן גֶעב נִישְׁט אוֹיף; זָאג נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין וֶועג אַרוֹיס פַאר דִיר, טְרַאכְט נִישְׁט אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה. אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּלִיבּ דַיין צָרָה אוּן זוּכְן וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן אִין דַיין פְּרָאבְּלֶעם; אֵיין מִינוּט בַּאשׁוּלְדִיגְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס; דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט בַּאשׁוּלְדִיגְסְטוּ דַיין וַוייבּ, אַ מִינוּט נָאכְדֶעם בַּאשׁוּלְדִיגְסְטוּ דַיין שַׁדְכָן וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ נוּץ אוֹיס דִי צַייט צוּ חַזֶר׳ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״, אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ טְרַאכְסְט צִי אִיךְ דַארְף דִיר יָא צִי נִישְׁט וְכוּ׳; אִיךְ טְרַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צוּ מִיר: וִוי אַזוֹי הָאט דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן גֶענֶערַאלְן שְׁלוּחִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי זֶעלְבְּסְטשְׁטֶענְדִיג? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט יֶעדְן טָאג דֶעם בַּת קוֹל וָואס אַבָּא אוּמְנָא הָאט בַּאקוּמֶען (עַיֵּין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית כא:); זֵיי אִיז גֶענוּג גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּ הֶערְן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי אֵיין וָוארְט: ״זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז״; דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְוָוארְפְן אִין אַ שְׁטָאט וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין אִידְן, צוּמָאל אָן קֵיין כָּשֵׁר׳עֶ עֶסְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט בַּאזָארְגְן מִיט אַלֶעס. אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי אוֹיפְגַאבֶּע צוּ זוּכְן וִוי מֶען קֶען מְזַכֶּה זַיין אַ אִיד מִיט מִצְוַת תְּפִילִין, מְזַכֶּה זַיין אַ אִיד מִיט שְׁמִירַת שַׁבָּת אוּן נָאךְ.

טְרַאכְט אִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ מִיר: ״וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס פּוֹעֵל׳ן אַז מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן זַיין בַּיי זִיךְ אַייזְן פֶּעסְט, פֶּעלְזְן פֶּעסְט, צוּ טוּן אוּנְזֶער שְׁלִיחוּת וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן; פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אָן דֶעם וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט יֶעדְן טָאג״, בִּיז דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אַז אוֹיבּ אִיךְ פַארְגֶעס אֵיין טָאג צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ תַּלְמִיד אִיז עֶר שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוֹיף פִּיצְלֶעך; עֶר הָאט שׁוֹין סְפֵקוֹת צִי עֶר זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת צוּ טוּן מַיין אַרְבֶּעט אָן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״; אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דֶעם חֶדֶר אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש״ע, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״, נִיטְאַמָאל אֵיין מָאל אַ וָואךְ הָאבּ אִיךְ

>>>>>>

וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, דֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן, אוֹיבּ עֶר קֶען דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן ״וִוילְסְט זֶען אַ מוֹפֵת, קוּק אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי נָתָן! אוֹיבּ הָאט עֶר מִיר גֶעקֶענְט נֶעמֶען אוּן מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער מוֹפֵת וָואס קֶען נָאר זַיין״. דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִּיק וֶוענְדְט זִיךְ אִין וִויפִיל עֶר קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז אַ בַּעַל בְּחִירָה, אוּן אִים מַאכְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיי דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא״ש זי״ע, וֶוען מִיר ווִילְן דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל אִיבֶּער מוֹהֲרָא״ש, אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי פִילֶע מוֹפְתִים אוּן אָפֶּענֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים גָאר אַסַאךְ. דָאס וֶועט אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן קֵיין סַאךְ. דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע יָארְן, אוּן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

אָט בְּרֶענְגֶען מִיר פַאר אַייךְ עֶטְלִיכֶע קוּרְצֶע עֶפִּיזָאדְן וֶועלְכֶע וַוארְפְן אַ לִיכְט אוֹיף דָאס וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶערְנְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז קוֹים אַ קְלֵיינֶער טִיפָּה מִן הַיָּם קֶעגְן וָואס עֶס אִיז דָא צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן מוֹהֲרָא״ש.

## אַ וַואלְד אִינְמִיטְן שְׁטָאט

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט גָאר אַסַאךְ רֶעדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן ״הִתְבּוֹדְדוּת״, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע-לָשׁוֹן, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

טְרָאץ דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט פוּן גֵיין אִין וַואלְד, אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט, אוּן דָארְטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״ש אָבֶּער אֵייבִּיג זָאגְן אַז נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. אַוַדַאי וֶוען אֵיינֶער אִיז זוּמֶער אִין קָאנְטְרִי אָדֶער דָאס גְלַייכְן, אוּן עֶס קוּמְט אִים אוֹיס גְרִינְג צוּ שְׁפַּאצִירְן צְוִוישְׁן דִי לוּפְטִיגֶע בֵּיימֶער אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט. אָבֶּער צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין וַואלְד, דָאס אִיז פַאלְשׁ אוּן פַארְפִירֶערִישׁ אוּן דָאס נֶעמְט אַוֶועק מֶענְטְשְׁן פוּנְ׳ם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדֶע מִינוּט פוּן טָאג. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּ אִים, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן נִישְׁט קֵיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט אוּן עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

סְפֶּעצִיעֶל דָאס אָרְגֶענֶעזִירְן אַ גְרוּפֶּע וָואס זָאל צוּזַאמֶען פָארְן אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מוֹהֲרָא״ש זֵייעֶר אַוֶועקְגֶעמַאכְט, זָאגְנְדִיג אַז דָאס נֶעמְט

<<<<<<

<<<<<< א בריוו פון ראש ישיבה

בַּאקוּמֶען אַ בַּת קוֹל וִוי אַבַּיֵי וָואס פְלֶעגְט כָאטְשׁ בַּאקוּמֶען יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת דֶעם בַּאגְרִיסוּנְג: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; אֶפְשָׁר אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש אַ בַּת קוֹל וִוי רָבָא וָואס הָאט בַּאקוּמֶען אֵיין מָאל אַ יָאר: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא".

וֶוען אִיךְ פְלֶעג אַרַיין גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"ש יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר נִישְׁט גֶעגְלֶעט וְכוּ'; אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף מוֹהֲרָא"ש אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען גֶענוּג. אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש עֶר זָאל שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזוּכְט אַ רֶבִּי וָואס זָאל מִיר וַוייזְן זַיינֶע וַוייסֶע צֵיין; אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְרָאפְן הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז עֶס, (תְּהִלִּים קלב, יד): "פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ; מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה, חֶדֶר, מֵיידְל שׁוּלֶע וְכוּ' וְכוּ' אוּן אַ כּוֹלֵל – אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל מִיר וַוייזְן זַיינֶע צֵיינֶער. דָאס אִיז חוּץ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַנְדֶערֶע קוֹלוֹת, נִישְׁט קֵיין בַּת קוֹל נָאר (שְׁמוֹת לב, יח): "קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט: "קוֹל חֵרוּפִין וְגִדּוּפִין וְכוּ'"; דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זִיךְ אָנְצוּהֶערְן אַלֶע יָארְן מִבַּיִת וּמִחוּץ.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים צִי מֶען דַארְף זֵיי יָא אָדֶער מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן דְרָשׁוֹת פוּן אֱמוּנָה אָדֶער שְׁרַייבְּן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה, חִיזּוּק, יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין רֵיינְקַייט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי זֶענֶען פוּל מִיט סְפֵקוֹת: 'וֶוער דַארְף מִיר?' 'וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס?' 'יֶעדֶער וֵוייסְט שׁוֹין'; אִינְטֶרֶעסַאנְט אִיז אָבֶּער אַז עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אֲלָפִים טְרֵיף פָּסוּל אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם סָפֵק צִי עֶס פֶעלְט אוֹיס אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן נָאךְ אַ שְׁמוּץ מַאגַאזִין, נָאךְ אַ מָאוִוי, זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט: 'וֶוער דַארְף עֶס?' 'וָואס בִּין אִיךְ מְחַדֵּשׁ?' זֶעט מֶען גְלַייךְ אַז דִי אַלֶע סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים זֶענֶען עֲצַת הַיֵּצֶר וָואס עֶר וִויל מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ כֹּחַ אוֹיפְצוּטוּן אוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

הַיינְט פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים אֹהֶל אִין קְווִינְס בַּיים צִיּוּן פוּן דִי לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי'ס זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וואו אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר.

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶע'עֵצֶה'ט זָאלְסְט אוֹיךְ אַזוֹי טוּן; גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, וַוייל דֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ", וֶוען מֶען גֵייט מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן; עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ כַאפְּן קֵיין קְווִינְס צוּם צִיּוּן פוּן אַדְמוֹרֵ"י לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, פַארְטָאגְס נֶעמְט דָאס אַ קְנַאפֶּע פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט. אָדֶער כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קֵיין מָאנְרָא צוּם צִיּוּן פוּן סַאטְמַאר'עֶר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ – וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה י"ז שְׁבָט, ה' אִיָּר, כ"א אִיָּר תשע"ח)

>>>>>>

אַוֶועק דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. אֵיינְס, וַוייל יֶעדֶער זוּכְט צוּ גֶעפֶעלְן דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט'ן גַאנְצְן אֱמֶת אָן טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ. אוּן צְוֵוייטְנְס, קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּמַאכְן אַז דֶעמָאלְט אוּן דֶעמָאלְט גֵייט מֶען גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דַארְף עֶר גְלַייךְ עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וואו עֶר אִיז, אוּן נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶועלְכֶע צַייט עֶס אִיז, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וַוארְטְן בִּיז אַ גֶעוִויסֶע נַאכְט וָואס דֶעמָאלְט וֶועט מֶען פָארְן אִין וַואלְד, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶער הִתְעוֹרְרוּת.

אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אוּמַאן, מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁוֵוייץ צוּ טוֹישְׁן פְלִיגֶער, אוּן מִיר זֶענֶען דַאן גֶעזִיצְן מִיט מוֹהֲרָא"ש אִינֶעם לוּפְטְפֶעלְד וַוארְטְנְדִיג אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן פְלִיגֶער. מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶערוּפְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ מֵיינְסְט אַז דָא קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ אֲפִילוּ מַאכְן דֶעם לוּפְטְפֶעלְד פַאר אַ וַואלְד... דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָאךְ בֵּיימֶער, כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה... דִי גוֹיִם דָא זֶענֶען חַיּוֹת, עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר... נוּ, הָאסְטוּ אַ פַארְטִיגֶע וַואלְד אוּן דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...

נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט יֶענֶער בַּאמֶערְקְט וִוי מוֹהֲרָא"ש מַאכְט צוּ דִי אוֹיגְן אוּן זַיינֶע לִיפְּן הוֹיבְּן זִיךְ אָן צוּ שָׁאקְלֶען, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן טִיף אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## כָאטְשׁ עֶפְן אוֹיף דִי גְמָרָא

אֵיינְס פוּן דִי הוֹיפְּט עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט גָאר אַסַאךְ רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין דֶערוֹיף, אִיז דֶער "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד". דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר שְׁטֵייט, קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט. דֶער עִיקָּר אִיז אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען יֶעדֶער אִיד, אִין יֶעדֶע מַצָּב, זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פַארְבּוּנְדְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁטֶענְדִיג.

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַמָאל אַ תְּקוּפָה וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט גָאר שְׁוֶוער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן מַמָּשׁ פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַזוֹי אַז וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַ שְׁוֶוערְן טָאג אַרְבֶּעט הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִיטְאָמָאל גֶעהַאט דִי כֹּחַ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. עֶר אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן גֶעבֶּעטְן אַן עֵצָה, הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל כָאטְשׁ עֶפֶענֶען יֶעדְן טָאג דִי גְמָרָא אוּן עֶס צוּרִיק פַארְמַאכְן... דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפָאלְגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דִי גְמָרָא אוּן עֶס צוּרִיק פַארְמַאכְט מִיט אַ קוּשׁ. עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן בַּיי דֶעם, רוֹב מָאל נָאכְ'ן עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט עֶטְלִיכֶע שׁוּרוֹת גְמָרָא, אוּן דָאס הָאט אִים וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן פַארְבּוּנְדְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זֵייעֶר הֲנָאָה הָאבְּן וֶוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער אַ סִיּוּם וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט, וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֶערְנֶען אַ מַסֶּכֶת, וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר שֶׁעפְּט חִיּוּת פוּן דֶעם וָואס עֶר הֶערְט אוּן זֶעט וִוי זַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין אוּנְז אוּן מִיר זֶענֶען טַאקֶע זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד". עֶר פְלֶעגְט אָבֶּער וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם סִיּוּם, נָאר זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה.

<<<<<<

>>>>>>

אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיינְס אַן אַלְטֶער חַבֶר אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ גֵיין צוּ מוֹהֲרָא״ש אַמָאל, נָאר אֵיינְמָאל הָאט אִים מוֹהֲרָא״ש פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט, אוּן יֶענֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא״ש צוּ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיין סִיוּם, אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז מוֹהֲרָא״ש וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַ גְרוֹיסֶער מַצָב דֶערְפוּן, דֶערְוַוייל הָאט אִים אָבֶּער מוֹהֲרָא״ש בְּלוֹיז גֶעזָאגְט: ״זַיי מַמְשִׁיךְ״... אוּן פוּן דֶעם אִיז יֶענֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער... הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם: ״אוֹיבּ דָאס הֵייסְט פַארְשֶׁעמְט, דַאן הָאט מִיר מוֹהֲרָא״ש גָאר אַסַאךְ מָאל פַארְשֶׁעמְט״... וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עִיקָר צוּ שְׁטַארְקְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.

אַ אִיד דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט-אוּן-אֵיין מָאל גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא״ש, הָאט מוֹהֲרָא״ש אִים אָנְגֶעוִוינְטְשְׁן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל הוּנְדֶערְט-אוּן-אֵיין מָאל גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת. דֶער זֶעלְבֶּער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַאר מוֹהֲרָא״ש אַז אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים רֶעדְט אִים אָן אַז דָאס לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״ אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה גֵייט צוּ דִי סִטְרָא אַחְרָא... וֶוען מוֹהֲרָא״ש הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: ״אוּן דָאס פַאלְט נִישְׁט אֵיין פַאר יֶענֶעם אַז לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט גֵייט פַאר דִי סִטְרָא אַחְרָא... נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה גֵייט פַאר דִי סִטְרָא אַחְרָא?!״ אוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״סְ׳אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ! לֶערְנֶען הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֵייט נִישְׁט פַאר דִי סִטְרָא אַחְרָא!״

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## קֶענְט אִיר מִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל אִיבֶּער מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַזוֹי וִוי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן עוּבְדוֹת וְהַנְהָגוֹת וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא״ש בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ** יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּקָנָה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא״ש הָאט אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הֶעלְפְן אַ פָּארְפָאלְק, זֵיי זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

וֶוען מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״׳אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ׳ - פוּן ׳נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער׳ אִיז גֶעוָוארְן ׳ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער׳״; וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם לֹא עָלֵינוּ אוּן זַיין פֶעטֶער הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען, אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּ גַאסְט אִין שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶעטֶער. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - נָאךְ זֵייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער בָּחוּר - הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט תּוֹרָה, אוּן אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט וֶוערְטֶער וָואס הָאט גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ: ״דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען״; דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אִין הַארְץ אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ קֶשֶׁר מִיט רֶבִּי נָתָן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר נַחְמָן הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תְּמִימוּת הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעוָוארְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: ״׳אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ׳ - פוּן ׳נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער׳ אִיז גֶעוָוארְן ׳ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער.״׳

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַלְס אִינְגֶערְמַאן גֶעפָארְן צוּ זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט גֶעלֶערְנְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי׳ן?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט״, הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: ״וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרַיין רוּפְן דִי דִינְסְט אוּן אִיךְ וֶועל אִיר פְרֶעגְן צִי זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט זִי אוֹיךְ וִויסְן״, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אוּן דִי דִינְסְט רוּפְט זִיךְ אָן: ״וָואס פַאר אַ פְרַאגֶע אִיז דָאס? אַוַדַאי אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט״!

פְרֶעגְט עֶר זַיין אֵיידֶעם: ״פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּק אוֹיף דִי דִינְסְט, זִי וֵוייסְט אוֹיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָן פָארְן צוּ אַ רֶבִּי?!״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר זַיין שְׁוֶוער: ״יָא יָא, זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם.״

אִין דֶעם וָוארְט לִיגְט זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן כְּסֵדֶר פַארְוָואס מִיר דַארְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן וֶוען מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז מִיר דַארְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַרַיין אֱמוּנָה - אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן אִים אַלֶעס בֶּעטְן, דְרוּקְט מֶען זִיךְ אוֹיס מִיט וואוּנְדֶער: ״וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען אִים אַלֶעס בֶּעטְן?!״ אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז ״יֶעדֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער מִיר לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

BreslevCenter.com\answers

דָאס אִיז וָואס אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן דָאס אִיז מוֹהֲרָא"ש'ס מוֹפֵת, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען פָּשׁוּט'עֶ אִידְן אוּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרָא"ש, אַז עֶר הָאט אִין מִיר גֶעקֶענְט אַרַיין לֵייגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.'

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ ז"ל, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקַר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

וֶוען אֵיינֶער בֶּעט מִיר אַז אִיךְ זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ', דֶערְצֵייל אִיךְ וָואס עֶס אִיז בַּיי מִיר דֶער גְרֶעסְטֶער מוֹפֵת אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צִדְקוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֵיין אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, בְּשַׁעַת דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן - רוּבָּם כְּכוּלָם, זֶענֶען גֶעוָוארְן זַיינֶע מִתְנַגְדִים; אַסַאךְ מַנְהִיגִים - סַיי אִין בְּרֶסְלֶב אוּן סַיי אִין דִי וֶועלְט הָאבְּן גֶענוּמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם צַדִיק אוּן גֶערֶעדְט הָאבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף אִים מִיט אַ גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג אוּן דֶער חִידוּשׁ אִיז: "וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים - וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה, וּמוֹהֲרָא"ש עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'..." מוֹהֲרָא"ש אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג, עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' וּמְחַזֵק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה ח:) אַז דִי רוֹמִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין סְמִיכָה פַאר קֵיינֶעם אוּן וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן סְמִיכָה וֶועט מֶען אִים הַרְג'נֶען, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט מֶען הַרְג'נֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וואוּ מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה וְכוּ'. זָאגְן חַזַ"ל: "בְּרַם זָכוּר אוֹתוֹ הָאִישׁ לַטּוֹב וְרַבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא שְׁמוֹ", מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט וֶוען פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן גֶעוִויסֶע הַלָכוֹת וְכוּ'. וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען פִינְף תַּנָּאִים אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי צְוִוישְׁן צְוֵויי בֶּערְג אוּן זֵיי דָארְט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי רוֹמִים קוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַנְטְלוֹיפְט, אַז אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן לֶעבְּן", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, וְאַתָּה מַה תְּהֵא עָלֶיךָ?" רֶבִּי, אִיר קֶענְט דָאךְ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זָקֵן - וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייךְ? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "הֲרֵינִי מוּטָל לִפְנֵיהֶם כְּאֶבֶן שֶׁאֵין לָהּ הוֹפְכִין", אִיךְ וֶועל דָא בְּלַייבְּן לִיגְן וִוי אַ שְׁטֵיין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הֶרְגֵשׁ, זָאלְן זֵיי מִיר כַאפְּן אוּן הַרְג'נֶען כְּדֵי אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶערַאטֶעוֶועט אוּן אִים הָאט מֶען גֶעכַאפְּט. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא: "לֹא זָזוּ מִשָּׁם עַד שֶׁנָּעֲצוּ לְגוּפוֹ ג' מֵאוֹת לוּלְנְיָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל, וַעֲשָׂאוּהוּ לְגוּפוֹ כִּכְבָרָה", זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז מֶען הָאט אִין אִים אַרַיין גֶעשְׁטָאכְן דְרֵיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס, בִּיז זַיין הֵיילִיגֶע גוּף אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט וִוי אַ זוּפּ. דָאס אִיז אַ מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ צַדִיק; עֶר אִיז גְרֵייט מֶען זָאל אִים שְׁטֶעכְן מִיט דְרֵיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס אַבִּי עֶס זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. ווִיפִיל מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן ווִיפִיל מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי בָּטֵל, אַז עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דֶער עֶרְד; דִי עֶרְד וֶוערְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף אִיר, מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִיר אוּן מֶען וַוארְפְט מִיסְט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', דִי עֶרְד גֶעבְּט וַוייטֶער אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע פְרוּכְט אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ גוּטֶער אוּן אַ גֶעבֶּער; אֲפִילוּ מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים אוּן אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים זָאל עֶר וַוייטֶער זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דָאס אִיז אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל וָואס אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש; עֶר אִיז גֶעוֶוען כְּאַסְקֻפָּה הַנִּדְרֶסֶת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נָאכְגֵיין זַיינֶע וֶועגְן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג', מִכְתָּב ריב)

>>>>>>

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער עֶפִּיזָאד הָאט דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אָנְוֶועזְנְד בַּיי אַ בְּרִית וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אִיז עֶר דַאן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט 85 מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "מִיר הָאבְּן דָאךְ בַּאלְד דָא אַ בְּרִית, וֶועט דָאךְ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא דָא זַיין, זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אֵלִיָהוּ הַנָבִיא וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ גֶעלֶערְנְט"...

## אוֹיבּ דוּ הָאסְט נֶעכְטְן נִישְׁט גֶעגֶעסְן, וֶועסְטוּ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן?

אַ בָּחוּר אִיז אַמָאל אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן גַאנְצֶע דְרֵיי יָאר וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. טְרָאץ דֶעם וָואס בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאט עֶר פִיל מָאל גֶעהַאט גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריקַייטְן, צוּמָאל הָאט עֶר נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, צוּמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פַארְנוּמֶען, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְצֶע אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש אִים אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען. מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶּער צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט אָבֶּער גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ טָאג וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען כָאטְשׁ ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט יָא. דָאס אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן בַּיי עֶסְן וֶועט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר מוּז עֶסְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר אִין דִי רֵייעֶ... דֶער מֶענְטְשׁ וֵייסְט אַז עֶר דַארְף יֶעדְן טָאג עֶסְן, אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ טָאג, אָדֶער עֶטְלִיכֶע טֶעג, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן וָואס צוּ עֶסְן, וֶועט עֶר וַוייטֶער אָנְהוֹיבְּן צוּ עֶסְן פוּנְקְט וִוי פְרִיעֶר, אוּן עֶר וֶועט עֶסְן כָאטְשׁ וָואס עֶר וֶועט גֶעפוּנֶען צוּ עֶסְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי נְשָׁמָה דַארְף דָאס הָאבְּן צוּם לֶעבְּן, תּוֹרָה אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אוֹיבּ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן צוּ עֶסְן כָאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער".

## דִי תּוֹרָה פוּן דִי בָּחוּרִים הֶעלְפְט צוּ

וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", הָאט מוֹהֲרָא"ש מוֹרָא'דִיג הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם. זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף צוּ מְקַיֵים זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת. פוּן צַייט צוּ צַייט פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אַרִיבֶּער קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן רֶעדְן פַאר דִי בָּחוּרִים. בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאט מוֹהֲרָא"ש זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר קֶען זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא יְשִׁיבָה אָדֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ

<<<<<<

>>>>>>

וואו מֶען זָאל לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה ווי אין די יְשִׁיבָה. די בָּחוּרִים בַּאפְלַייסְן זִיךְ און עֶנְדִיגְן צְעַנְדְלִיגֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, און אַזוֹי וַוייטֶער די אִיבְּרִיגֶע שִׁיעוּרִים. אִיז דֶען דָא אַ שֶׁעֲנֶערֶע זַאךְ פון דֶעם?

אין די לֶעצְטֶע יָארְן, וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן די בָּחוּרִים פון יְשִׁיבָה אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אִים וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיף צוּם הֵיילִיגְן רַבִּינ'ס צִיוּן, זָאגְנְדִיג אַז די פִּילֶע תּוֹרָה וָואס די בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר, דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז די תְּפִילוֹת זָאלְן שְׁנֶעלֶער אַרוֹיפְגֵיין און נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

## פַּארְגֶעסְן צוּ דֶערְצֵיילְן

וֶוען אִימֶער אֵיינֶער פְּלֶעגְט זִיךְ קוּמֶען מַזְכִּיר זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז וֶוען יֶענֶער וֶוערְט שׁוֹין גֶעהָאלְפְן זָאל עֶר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן. נִישְׁט אַז וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן זָאל מֶען אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען מַזְכִּיר זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן יֶענֶע נַאכְט. שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶערוּפְן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן און יֶענֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ מֶעסֶעדְזְשׁ. זֶעט אוֹיס אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ, ווייל אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם גֶעטְרָאפְן און גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן, און יֶענֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר דָאס נִישְׁט גְלַייךְ דֶערְצֵיילְט? מַיין הַארְץ הָאט גֶעקְלַאפְּט די גַאנְצֶע נַאכְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ די גַאנְצֶע צַייט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר".

## די גְרֵינְגְסְטֶע און די פְּרַאקְטִישְׁסְטֶע

אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיט עֶטְלִיכֶע פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט פון אֵיינֶעם: "וָואס אִיז מַיין עִיקָּר זַאךְ?", יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז נִישְׁט דָאס מֵיינְט עֶר. "אֶפְשָׁר זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט?" - הָאט יֶענֶער פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אוֹיךְ אָפְּגֶעוָוארְפְן. אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען נָאךְ טֶעמֶעס פון וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט: "מַיין זַאךְ אִיז צוּ מַאכְן דָאס לֶעבְּן די גְרֵינְגְסְטֶע און די פְּרַאקְטִישְׁסְטֶע".

מֶען הָאט אִים דַאן גֶעבְּרֶענְגְט אַ נַיי-גֶעדְרוּקְטְן "תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת". יֶעדֶעס יָאר פַאר שָׁבוּעוֹת פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְן אִיבֶּער די גְרוֹיסְקַייט פון אוֹיפְזַיין די הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט, אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז מֶען זָאל אִין די נַאכְט דוּרְכְגֵיין תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים די עֶרְשְׁטֶע און די לֶעצְטֶע פְּסוּק, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶענוּצְט אַלְס מָשָׁל פון וָואס מֶען קֶען זֶען אַז כָּל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ. מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ זַאכְן צוּ זָאגְן אִין די נַאכְט, אַז מֶען זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אָנְצוּפִילְן די נַאכְט. מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ זָאגְן די עֶרְשְׁטֶע דְרַיי פְּסוּקִים און די לֶעצְטֶע דְרַיי פְּסוּקִים פון יֶעדֶע פַּרְשָׁה, אוֹיסֶער דֶעם הָאט מֶען אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ גָאר אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס הָאבְּן עֶטְוָואס אַ שַׁיְיכוּת מִיט שָׁבוּעוֹת אָדֶער מִיט קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אַז דָאס זָאל מֶען אוֹיךְ זָאגְן, דֶערְנָאךְ אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זָאגְן די מִשְׁנָיוֹת און אַזוֹי וַוייטֶער. און עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז וַוייניג אִידְן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זָאגְן דֶעם גַאנְצְן תִּיקּוּן, און דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי גָארְנִישְׁט. פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז מֶען זָאל צוּרִיק גֵיין צוּ די אָרִגִינֶעלֶען תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, און זָאגְן נָאר אֵיין פָּסוּק פון אָנְהוֹיבּ פַּרְשָׁה און אֵיין פָּסוּק פון סוֹף פַּרְשָׁה, און מִשְׁנָיוֹת קוּמְט בִּכְלָל נִישְׁט אַרַיין דָא צוּם תִּיקּוּן. הֶעכְסְטְנְס קֶען מֶען זָאגְן די תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אַזוֹי ווי מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין די תּוֹרָה זָאל מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ, דוּרְכְן זָאגְן די תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאט אֵיינֶער פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָפְּגֶעדְרוּקְט דֶעם תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אוֹיף די וֶועג ווי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן מ'זָאל עֶס זָאגְן, און עֶר הָאט דָאס דַאן אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, פון וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס הֲנָאָה, און דַאן הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַז דָאס אִיז זַיין זַאךְ צוּ מַאכְן דָאס אִידִישְׁקַייט דָאס גְרֵינְגְסְטֶע און פְּרַאקְטִישְׁסְטֶע וָואס מֶעגְלִיךְ.

אֵיינֶער הָאט אַמָאל אָנְגֶעפְרֶעגְט אִין אַ בְּרִיוו צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיבֶּער וָואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן און די הָרֵי חוֹשֶׁךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו מִיט עֶטְלִיכֶע מַרְאֵי מְקוֹמוֹת אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, און עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת אִיבֶּער וואו זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָבֶּער צוּגֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּנְדִיג אַז זַיין זַאךְ אִיז נָאר צוּ טוּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, "דוּ פְּלַאנְסְט דֶען צוּ פָארְן יֶעצְט צוּ די הָרֵי חוֹשֶׁךְ?"... - הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט. עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אַרוֹיס פון די הָרֵי חוֹשֶׁךְ אִין וָואס דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ יֶעצְט, אַז דוּ בִּיזְט פַארְנוּמֶען צוּ פְרֶעגְן זַאכְן וָואס זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט נוֹגֵעַ אִינֶעם פְּרַאקְטִישְׁן לֶעבְּן. עֶנְדֶערְשׁ הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען די סְפָרִים פון רַבִּי'ן און פָּאלְג זַיינֶע עֵצוֹת, וֶועסְטוּ ווִיסְן אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין פְּרַאקְטִישְׁן לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ.

## מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן שֵׂכֶל

"שְׁלוֹם בַּיִת" - אִיז גֶעוֶוען אֵיינְס פון די הוֹיפְּט יְסוֹדוֹת בַּיים רַבִּי'ן און בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אַ אִיד קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און בִּכְלָל נִישְׁט זַיין קֵיין נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין שְׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט גָאר אַסַאךְ רֶעדְן פון דֶעם בַּיי די שִׁיעוּרִים, און אוֹיךְ הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דֶעם, ווי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט די רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל און עֶר וֵוייסְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁלוֹם בַּיִת בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן אַז צוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען פָּשׁוּט נוּצְן דֶעם שֵׂכֶל. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וֵוייסְט עֶר אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיסְצוּפִירְן, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ זַיין אֵייבִּיג גֶערֶעכְט. "זַיי קְלוּג און נִישְׁט גֶערֶעכְט!" - פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אֵייבִּיג זָאגְן. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קֶענֶען נָאכְגֶעבְּן און זֶען צוּ גֶעבְּן פַאר זַיין ווייבּ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט, און נִישְׁט וַוארְטְן אַז זִי זָאל אִים גֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין שֵׂכֶל פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אֵיינֶער וָואלְט גֶעקֶענְט עֶפֶּענֶען אַ פַאבְּרִיק וָואס פְּרָאדוּצִירְט און פַארְקוֹיפְט שֵׂכֶל... וָואלְט יֶענֶער גֶעוָוארְן דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּער די וֶועלְט אִין אֵיין נַאכְט... די אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג ווי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל אִיז נָאר דוּרְכְ'ן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "שֵׂכֶל אִיז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון "שֶׁ'שָּׁפְכוּ כַ'מַּיִם לִ'בְּךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן די רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל און ווִיסְן ווי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן בַּיי סַיי וֶועלְכֶער מַצָּב.

אִין די זוּמֶער, וֶוען די יְשִׁיבָה פְּלֶעגְט וַוייל'ן אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֵה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען בַּאזוּכְן די בָּחוּרִים. גֶעווִיסֶע יָארְן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת, און טֵייל יָארְן בְּלוֹיז אִינְמִיטְן די וָואךְ אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּ די בָּחוּרִים. אֵיין יָאר וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוּם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּגֶעזָאגְט פַאר די בָּחוּרִים אַז די אַלֶע בָּחוּרִים וָואס וֶועלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית יֶעדְן טָאג, פֶערְצִיג מָאל בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער חַתָנִים וֶוערְן. די בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ און טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, און כָאטְשׁ וָואס אִינְמִיטְן די פֶערְצִיג טֶעג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער שְׁטוּרֶעמְדֶער הַארִיקֶעין "אֵיירִין", וָואס הָאט אָנְגֶעבְּרֶענְגְט שְׁוֶוערֶע פַארְפְלֵייצוּנְגֶען אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן דֶעם קֶעמְפּ פַאר אַ טָאג צְוֵויי צוּלִיבּ די סַכָּנָה, פון דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן די בָּחוּרִים מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, און זֵיי זֶענֶען טַאקֶע אַלֶע

<<<<<<

>>>>>>

חֲתַנִים גֶעוָוארְן ב״ה אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער לְשֵׁם וּלְתִפְאָרֶת.

אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן אָנְגֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא״ש אוֹיבּ דָאס לֶערְנֶען פֶּערְצִיג מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי וִוי עֶס הֶעלְפְט פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. מוֹהַרָא״ש הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נֵיין. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס ווִיל שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ״...

## וואשְׁן דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס

אוֹיסֶער דֶעם פְּלֶעגְט מוֹהַרָא״ש אַװעקְגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ צַייט פַאר מֶענְטְשְׁן זֵיי צוּ הֶעלְפְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט זֵייעֶרֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען. מוֹהַרָא״ש פְּלֶעגְט זָאגְן אַז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, װעלְכֶער פְלֶעגְט מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט גֶעדַארְפְט אָפְּוַואשְׁן קוֹדֶם זַיינֶע הֶענְט אוּן פִּיס בַּיים כִּיוֹר. דָאס מֵיינְט אַז אֵיינֶער וָואס מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת דַארְפְן זַיינֶע הֶענְט זַיין רֵיין נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פַארְן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס שָׁלוֹם בַּיִת. אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען וַואשְׁן דִי פִּיס, נִישְׁט צוּ שׁוֹינֶען קַיין טִירְחָא, אֲפִילוּ מֶען דַארְף דֶערְפַאר אַסַאךְ גֵיין אוּן קוּמֶען מִיט דִי פִּיס, זָאל מֶען אַלֶעס אַװעק גֶעבְּן אוֹיף צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז מוֹהַרָא״ש זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף דִי שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְס װעלְכֶע נֶעמֶען גֶעלְט. מוֹהַרָא״ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז אֵיינֶער וָואס נֶעמְט גֶעלְט הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, אַדְּרַבָּה, וִוי לֶענְגֶער עֶר צִיט אוֹיס דִי סֶעסְיֶעס, אַלְץ מֶער גֶעלְט װעט עֶר דָאךְ מַאכְן...

אוּן מוֹהַרָא״ש אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בַּיישְׁפִּיל פַאר דֶעם. װען עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאנְדְלְט אִיבֶּער אַ שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעם, הָאט עֶר אַװעקְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן אִין דִי זַייט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעלֵייגְט צוּ הֶעלְפְן צוּרִיק שְׁטֶעלְן דִי פָּאר-פָּאלְק אוֹיפְ׳ן גְלַייכְן װעג. אוּן אוֹיף דֶעם װעג הָאט עֶר אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט אַז אַלְס בָּחוּר אִיז עֶר אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף שַׁבָּת בַּיי מוֹהַרָא״ש אִין יַבְנְאֵל. אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט צוּ מוֹהַרָא״ש אַ פָּאר-פָּאלְק וָואס הָאבְּן גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען. מוֹהַרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אָנְוֶועזְנְדֶע אַז זֵיי זָאלְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַלֵיין צוּ עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה. מוֹהַרָא״ש הָאט גְלַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי פָּאר-פָּאלְק, וָואס דָאס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן בִּיז װען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ מִנְחָה אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

## אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן אַ צַייט צוּ שְׁלָאפְן

דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט אוֹיךְ אַז יֶענֶעם פְרַייטָאג צוּ נַאכְט׳ס נָאךְ דִי סְעוּדָה, הָאט אִים מוֹהַרָא״ש גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ גֵיין לֵייגְן שְׁלָאפְן. דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא״ש אַז עֶר ווִיל נָאךְ בְּלַייבְּן אוֹיף אַבִּיסְל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים. מוֹהַרָא״ש הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט װעט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי צוּם דַאוֶונֶען.

כָּאטְשׁ וָואס מוֹהַרָא״ש הָאט גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, עֶס טָאר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין בַּיי אַ אִיד אַ טָאג אָן לֶערְנֶען, הָאט אָבֶּער מוֹהַרָא״ש שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ נָארְמַאלְן סֵדֶר אִין לֶעבְּן. סְ׳אִיז דָא אַ צַייט צוּ דַאוֶונֶען אוּן אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען. סְ׳אִיז דָא אַ צַייט צוּ עֶסְן, אַ צַייט צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן אַ צַייט צוּ שְׁלָאפְן. יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן דִי סְדָרִים. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ װעט אוֹיפְזֵיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, װעט עֶר נָאכְדֶעם נִישְׁט קֶענֶען פוּנְקְצְיָאנִירְן גֶעהֶערִיג דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג. נוּ, וָואס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן דֶערְמִיט?

## ווִילְסְט אָנְכַאפְּן מַיין הַאנְט? לֶערְן אַשֶׁר בַּנַּחַל!

מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהַרָא״ש, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁאץ. מוֹהַרָא״ש הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע לִמּוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי װעגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן װעט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

אֵיינְמָאל בַּיים טַאנְצְן נָאךְ קִידוּשׁ לְבָנָה, אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט אוּן עֶר הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט אָנְכַאפְּן מוֹהַרָא״שְ׳ס הֶענְט בַּיים טַאנְצְן. הָאט מוֹהַרָא״ש גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם: ״אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אָנְכַאפְּן מַיין הֶענְט, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מַיין סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל״. מוֹהַרָא״ש הָאט דֶער עִיקָר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים, וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס הָאבְּן מִיר נָאכְאַלְץ בָּרוּךְ ה׳, מוֹהַרָא״ש הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְרוּשָׁה, וָואס דָאס זֶענֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, צוּ פָאלְגְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, אוּן צוּ גֵיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע װעגְן. אוּן דַאן װעט אוּנְז זַיין גוּט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, מִיר װעלְן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן סַיי אוֹיף דִי װעלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע װעלְט.

## גִלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ

מוֹהַרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל אַז עֶר פְּלֶעגְט זֶען וִוי אַזוֹי אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס ״אַ גוּט שְׁטִיקְל״ אִין אַ סֵפֶר, צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל וָואס אִיז גוּט מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבוֹדַת ה׳. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר װעט שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע סְפָרִים וָואס וואוּ מֶען װעט זֵיי נָאר עֶפֶענֶען, װעט מֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן גְלַייךְ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ ״אַ גוּט שְׁטִיקְל״, אַ שְׁטִיקְל וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטַארְקְט אִים וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין טְרָאץ אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן.

כָּאטְשׁ וָואס מוֹהַרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מֶערֶערֶע סְפָרִים אִין פִילֶע מִקְצוֹעוֹת הַתּוֹרָה, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט דְרוּקְן בְּחַיָּיו. עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים װעלְכֶע זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹרֵר אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהַרָא״ש הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת אוּן לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶס אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַזַא לַייכְטֶע אוּן גְרִינְגֶע װעג אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אוֹיסְנַאם זָאל עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן מְקַיֵּים זַיין.

װען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶרְשַׁיינֶען דֶער ״גִלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ״, אִין וָואס עֶס װערְט אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן מוֹהַרָא״ש אוֹיף אַ לַייכְטֶע אִידִישׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין. הָאט מוֹהַרָא״ש גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הֲנָאָה דֶערְפוּן. וִוי מֶער מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דִי לִמּוּדִים אַז עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף נָאךְ אַ לַייכְטֶערְן אוֹפָן, אַלְס בֶּעסֶער אִיז דָאס. וַוייל דֶער עִיקָר צִיל אִיז דָאךְ אַז דִי דִיבּוּרִים זָאלְן רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מֶענְטְשׁ, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן אוּן װערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא״ש פְּלֶעגְט יֶעדֶע וָואךְ דוּרְכְלֵיינֶען דֶעם גִלְיוֹן, אוּן מְחַזֵּק זַיין דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער אַז מֶען זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי מוֹהַרָא״ש אִין יַבְנְאֵל. עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח וָואס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, אוּן אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט מוֹהַרָא״ש אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם גִלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אוּן עֶס גֶעלֵיינְט. מוֹהַרָא״ש הָאט דַאן גֶעלֵיינְט דֶעם שְׁטִיקְל פוּן ״חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט״, וָואס דָאס אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס ״ט״ו בִּשְׁבַט״. מוֹהַרָא״ש הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם אַרְטִיקְל אוּן דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, זָאגְנְדִיג: ״דָאס אִיז נָאךְ שֶׁענֶער פוּן דִי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ״. וַוייל וִוי מֶער מֶען שְׁרַייבְּט אַרָאפּ דִי װערְטֶער אוֹיף אַ װעג אַז נָאךְ אִידְן זָאלְן עֶס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, װעט דָאס מְקָרֵב זַיין נָאךְ פִילֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# חתונה ביים ראש ישיבה שליט"א פארגעקומען אין בית המדרש אויף א באשיידענע פארנעם

א הערליכע פרייליכע אבער פשוטע חתונה איז פארגעקומען אין ישיבה נעכטן זונטאג בא, פון החתן שמעון נרו יאיר א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז געגאנגען אונטער די חופה מיט די טאכטער פונעם מנהל המוסדות הרב אברהם משה שטראססער שליט"א.

דער ראש ישיבה האט אינטערגעפירט אינטער די חופה זיין פערטע קינד בשעה טובה ומצלחת, און דער מנהל שליט"א האט אינטערגעפירט דעם דריטן קינד קע"הביידע האבן חתונה געמאכט די קינדער ביז אהער אין בית המדרש. דאס איז געווען די פיר און זעכציגסטע חתונה אין ישיבה ווי עס ווערט געפראוועט פאר אומזיסט, עס קאסט נישט פאר די מחותנים קיין איין דאלער.

עס איז געווען גאר שיין מיטצוהאלטן די שמחה וויאזוי עס ווערט געפירט אויף א פשוטע אופן, אן קיין אויספענדן געלט אין מיסט פאר אפאר שעה פון די חתונה. ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט, ווען ער וואלט ווען געבעטן די תלמידים זאלן אים צושטעלן לעמפעלעך מיט פידלעך פאר די חתונה וואלטן זיי עס גערן צוגעשטעלט, און מען וואלט נאך אפילו געזאגט אז דאס איז הפצה... אבער דער ראש ישיבה איז ווייטער געגאנגען מיטן מהלך אז די חתונה דארף ווערן געפראוועט אין בית המדרש אזוי ווי אלע חתונות וואס אנשי שלומינו פראווען אין בית המדרש.

די חתונה ביים ראש ישיבה ברענגט ארויס א פרישע אויפוואכונג ביי אנשי שלומינו נישט צו ספענדן געלט (וואס מען האט נישט) פאר א חתונה אדער סיי וועלכע שמחה, בפרט פאר די נאכט פון די חתונה וואס פליעט דורך אין געציילטע שעות, ווי מען זאגט אינעם פיוט ונתנה תוקף "כצל עובר וכענן כלה, וכרוח נושבת וכאבק פורח, וכחלום יעיף". און דערנאך שרייט מען אויס "ואתה הוא מלך קל חי וקים", די גאנצע מעכטיגע חתונה פליעט דורך ווי אן אויגן בליק און נאר דער אייבערשטער בלייבט אויף אייביג, דאס איז וואס מען טוט דא חזר׳ן אז די אמונה איז די עיקר פון אלעס, און נישט כבוד (המדומה) און געלט.

די שמחה געווען גאר פרייליך און געשמאק, עס איז טאקע געווען צושטיפט וויבאלד עס איז געפראוועט געווארן אין בית המדרש, און נישט אין א גרויסע שיינע רבי׳שע זאל וואס וואלט זיך רואיגערהייט אנגעפילט, אבער אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג אז די חתונה איז בסך הכל אפאר שעה און דערנאך גייט יעדער אהיים צו זיין שטוב און דארט קען ער זיך רואיגערהייט אויסציען און זיצן באקוועם אויף וועלכע וועג ער וויל, און עסן וועלכע סארט עסן עס שמעקט אים.

אויך איז די חתונה געווען א גרויסע הפצה, ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט ביים פאריגע חתונה פון זיין טאכטער תחי׳: ווען עס איז דא א חתונה קומען אלע צו גיין, קרובים וואס וואלטן נישט געגאנגען צו א קרוב׳ס חתונה; דאך אין ברסלב, אין היכל הקודש, אין ישיבה – ווילן זיי זען; איז דאס א שטארקע הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון די שמחה זאל נשפע ווערן שפע פאר אלע תלמידים און פאר אלע אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, און אלע אידישע קינדער זאלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

**קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק פאפנהיים הי"ו וזוגתו תחי׳**

**מנהל פון מוסדותינו הקדושים בארץ הקודש**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער געטרייער מנהל איז דער רוקן-ביין פון די ברסלב׳ע מוסדות אין ארץ ישראל, ער איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די ישיבה, תלמודי תורה און בית פייגא סקול׳ס, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער אז ער מצליח זיין אויפ׳ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה יואל שניצלער** הי"ו קרית יואל

צו די שמחה פון זיין חתונה למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **יצחק משה רייך** הי"ו מאנסי

***

מו"ה **יואל פארקאש** הי"ו קרית יואל

צו די שמחה פון זיין זון החתן **נפתלי הערש** הי"ו למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **מרדכי לעווינזאן** הי"ו ירושלים

צו די שמחה פון זיין זון החתן **דוד שמעון** הי"ו למזל טוב עב"ג

***

החתן **ישראל וואלערשטיין** הי"ו ירושלים

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו קרית יואל

**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**

הבחור **חיים זאנוויל** נ"י

***

מו"ה **יהושע אליעזר גליק** הי"ו וויליאמסבורג

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **דוב קליין** הי"ו יבנאל

**צו די געבורט פון א צווילינג מיידלעך למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב דוב כהן** הי"ו קרית יואל

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן יאקאבאוויטש** הי"ו צפת

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה אהרן שפילמאן** הי"ו וויליאמסבורג

**צו די אפשערן פון זיין זון למזל טוב**

***

מו"ה **לייב אפפעל** הי"ו קרית ברסלב

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

***


## משמח זיין א חתן

**וואס איז די מצווה פריילעך צו מאכן א חתן? אפשר דארף ער אונז פריילעך מאכן? הערט א שיינע שיעור פון די שבע ברכות מוצאי שבת.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10,1,62**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090